זאַכן, נאָר לאָזט זיך אַראָפּ צו די נידריקע·
17 האַלט זיך נישט פאַר קיין חכמים· צאָלט נישט
אָפּ קיינעמען מיט שלעכטס פאַר שלעכטס· טראַכט
איבער די זאַכן, וואָס זענען גוט פאַר אַלע
18 מענטשן· אויף וויפל עס ליגט אין אייך, אויב
מעגלעך, זעט צו לעבן בשלום מיט אַלע מענטשן·
19 געליבטע, זייט זיך נישט נוקם, נאָר מאַכט אַן אָרט
פאַר דעם צאָרן, וואָרום עס שטייט געשריבן: בײַ מיר
איז נקמה, איך וועל פאַרגעלטן, זאָגט דער האַר
20 ג־ט· (דברים לב, לה·) דעריבער, אויב דײַן שונא איז
הונגעריק, גיב אים צו עסן; אויב ער איז דורשטיק,
גיב אים צו טרינקען; וואָרום טוענדיק דאָס דאָזיקע,
זאַמלסטו פײַערדיקע קוילן אויף זײַן קאָפּ· (משלי כה,
21 כא־כב·) ווער נישט באַזיגט פונם שלעכטן, נאָר זײַ
גובר דאָס שלעכטע מיט דעם גוטן·

## קאַפּיטל דרייצן

1 לאָז יעדער איינער זיך אונטערטעניקן צו די
העכערע ממשלות, וואָרום עס איז נישטאָ קיין
ממשלה, אַ חוץ פון ג־ט, און די עקזיסטירנדיקע
2 ממשלות זענען באַשטימט געוואָרן פון ג־ט· אַזוי
אַרום ווער עס איז מורד קעגן דער מאַכט,
דער שטעלט זיך אַקעגן ג־טס אָרדנונג; און די
מורדים, וועלן איבער זיך באַקומען אַ משפּט·
3 וואָרום די מושלים זענען נישט קיין שרעק פאַר
דעם, וואָס טוט גוטס, נאָר פאַר דעם, וואָס טוט
שלעכטס· ווילסטו אָבער נישט מורא האָבן פאַר
דער מאַכט? דאַן טו דאָס גוטע, און דו וועסט האָבן
4 פון איר אַ לויב; וואָרום זי איז ג־טס דינערין
פאַר דײַנעטוועגן צום גוטן· ווען אָבער דו טוסט